**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳LGBTQ+ פארשריט שטאלץ פאן׳ געהויבן איבער ניו יארק סטעיט קאפיטאל לכבוד ׳שטאלץ מאנאט׳ 2022

***געביידעס אין קאפיטאל ראיאן צו ווערן באלאכטן יוני 10 ביז יוני 13 אין אנערקענונג פון ׳שטאלץ וויקענד׳***

***בילדער צו באקומען דא***

***וידעאו קען מען געפונען אויף יו-טוב דא און אין טעלעוויזיע קוואליטעט (h.264, mp4) פארמאט דא***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ׳LGBTQ+ פארשריט שטאלץ פענער׳ זענען געהויבן געווארן צום ערשטן מאל איבער דער ניו יארק סטעיט קאפיטאל אלס טייל פון דער ניו יארק סטעיט 2022 פייערונג פון ׳שטאלץ מאנאט׳. א קאָפּיע פון גאווערנער האוקול׳ס פראקלאמאציע צו דעזיגנירן יוני 2022 אלס ׳LGBTQ+ שטאלץ מאנאט׳ איז אויך פארגעשטעלט געווארן צו די אנפירער פון דעם גרויסן קאפיטאל ראיאן שטאלץ פראגראמען דעם סוף-וואך.

״דאס היסטאריש הייבן דעם ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איבער ניו יארק סטעיט׳ס קאפיטאל שטייט אלס א סימבאל פון אונזער סאלידאריטעט מיט מיטגלידער פון דער LGBTQ+ קאמיוניטי, דינענדיג אלס א דערמאנונג אז די איינוואוינער פון ניו יארק הערן און רעספעקטירן זייערע שטימעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך שפיר זיך באשיידן צו פארעהרן זייערע אויפטואונגען דורכאויס ׳שטאלץ מאנאט׳, און איך וועל ווייטער שטיין מיט זיי אין דעם קאמף פאר יוסטיץ און גלייכבארעכטיגקייט.״

״דאס איז נישט בלויז סיי וואספארא פאן וואס מיר הייבן — מיר הייבן אויף דעם פאן וואס צייכנט אפ דיווערסיטעט, אינדיווידיואליטעט, ליבשאפט און צום אלעם ערשטן שטאלץ — עס איז א היסטארישער מאמענט אין ניו יארק סטעיט אזוי ווי דאס איז דאס ערשטע מאל וואס דער ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איז געהויבן געווארן איבער׳ן ניו יארק סטעיט קאפיטאל און עס פריידט מיך צו האבן א חלק דערין,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא**, וועלכער האט זיך באטייליגט ביי דעם פראגראם וואס איז געהאלטן געווארן אויפ׳ן עמפייער סטעיט פלאזא. ״׳שטאלץ מאנאט׳ איז א חודש באשטימט אויף צו פייערן אונזער פארשידנפארביגקייט און בויען קשרים צווישן מענטשן פון לענגאויס דעם גאנצן ראיאן. די פארשידנפארביגקייט איז ביים סאמע יסוד אויף וועלכן מיר באשטייען אלס ניו יארקער.״

דער ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איז באזירט אויף דעם איקאנישן רעגנבויגן פאן פון די שפעטע 1970׳ער יארן. דער ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איז אויסטיליזירט געווארן אין 2018 און לייגט צו פינף קאלירטע ליניעס אין פארעם פון א פייל צו באטאנען ״ארייננעמיגקייט און פארשריט.״ דער פאן אנטהאלט אויך שווארצע און ברוינע פאסן צו פארטרעטן באזייטיגטע LGBTQ+ קאמיוניטיס פון קאלירטע אפשטאם, אינאיינעם מיט די פארבן ליכטיג בלוי, פינק, און ווייס, וועלכע זענען פונ׳ם ׳טרענסדזשענדער שטאלץ

פאן׳. דער פאן וועט אויך געהויבן ווערן אין דעם קאפיטאל ראיאן ביי דעם עקזעקיוטיוו מאנסיאן, אלפרעד אי. סמיט געביידע און הערימען קאמפוס.

**אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשענעט מוי האט געזאגט,** ״דאס הייבן היינט דעם ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איבער׳ן קאפיטאל אויף צו פייערן ׳שטאלץ מאנאט׳ איז אין פאראכטונג צו די אויפטואונגען פון ניו יארק סטעיט׳ס LGBTQ+ קאמיוניטיס. אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, טוען מיר פולקאם ארומנעמען און פאראויס-פירן ניו יארק סטעיט׳ס היסטארישע ראלע אלס א פירער אין דעם נאכגעיעג נאך גלייכבארעכטיגקייט פאר יעדן.״

**סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״אין דעם ׳שטאלץ מאנאט׳ מוזן מיר זיך ווידער אונטערנעמען דורכצופירן די ארבעט פון באשיצן אלע אונזערע רעכטן. דאס נעמט אריין שטיצן זעלבסט-עהרע פאר אונז אלע און האלטן די מערסטע אומבאהאלפענע צווישן אונז אפגעהיטן. גאווערנער האוקול׳ס שטיצע פאר אונזער קאמיוניטי איז אבסאלוט פעסט, און איך שטאלציר מיך צו דינען אין איר אדמיניסטראציע.״

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״אלס עמיצער מיט יארן ערפארונג שתדל׳ען פאר LGBTQ+ רעכטן, שטאלציר איך מיך צו פייערן ׳שטאלץ מאנאט׳ דורך הייבן דעם ׳פארשריט שטאלץ פאן׳, וועלכס פארקערפערט אין זיך די אריינגענעמיגקייט וואס דער באוועגונג פארטרעט אין אונזער קאמיוניטי. גאווערנער האוקול האט קלאר געצייגט איר שטארקע אנטשלאסנקייט צו LGBTQ+ גלייכקייט, נישט בלויז מיט ווערטער נאר אויך מיט ממשות׳דיגע שריטן וועלכע העלפן סאלידיזירן ניו יארק סטעיט׳ס שטאנד אלס פירער אויף דער נושא.״

**אמטירנדע קאמיסיאנערין פון דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ אמאנדא הילער האט געזאגט,** ״ניו יארק וועט שטענדיג זיין א שיינטורעם פון האפענונג פאר דער LGBTQ+ קאמיוניטי. איך בין שטאלץ אנטיילצונעמען אין דער היינטיגער פאן-הייבונג צערעמאניע אזוי ווי עס הייבט ארויס געניי ווי ווייט מיר זענען אנגעקומען מיט אריינגענעמיגקייט און פאראויס-גאנג. עס זאל אויך סערווירן אלס א דערמאנונג איבער די ארבעט וואס מיר דארפן אלע טון אינעווייניג אין אונזערע אייגענע קאמיוניטיס אויף צו פארזיכערן גלייכקייט פאר אלע ניו יארקער.״

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דעניעל פי. מעקאוי האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט שטאלצירט זיך מיר איר פארשידנפארביגקייט ווייל מיר וויסן עס גיבט צו אונזערע כוחות. עס איז אן ארט וואו אלע ווערן אויפגענומען מיט פרייד, אפגעזען ווען זיי ליבן אדער וויאזוי זיי אידענטיפיצירן זיך. די פענער זענען מאכטפולע סימבאלן פון די פרינציפן פון אריינגענעמיגקייט וואס מיר האלטן טייער, און איך שטאלציר מיך זיך צו שטיין אינאיינעם מיט גאווערנער האוקול און מיינע אנדערע סטעיט צוזאמארבעטער אין הייבן דעם ׳פארשריט שטאלץ פאן׳ איבער׳ן קאפיטאל צום ערשטן מאל.״ ״און טראצדעם וואס יוני איז ׳שטאלץ מאנאט׳, מוזן מיר מיטטראגן מיט אונז די אריינגענעמיגקייט פאר׳ן LGBTQ+ קאמיוניטי און פראגרעס 365 טעג א יאר.״

**׳אין אַוועק אָון וואָויסעס׳ CEO טענדרע לעגראון האט געזאגט,** ״׳אין אַוועק אָון וואָויסעס׳ איז דערהייטערט צו שטיין אין שותפות מיט ניו יארק סטעיט. טראצדעם וואס אונזער קאמיוניטי האט מיטגעמאכט פארלוסטן און איז אונטער אן אנפאל, מיט איבער 325 בילס פארגעשטעלט פאר לעגיסלאציע וועלכע צילן אונזער קאמיוניטי און איבער 50 פראצענט אויסדרוקליך געצילט אויף אונזערע TGNC געשוויסטער. דאך איז עס א שאנס פאר אונז, איבערהויפט LGBTQ+ POC, פאמיליעס, פריינט, און אליאירטע זיך צו פאראייניגן אויף זיך צו פרייען מיט קאמיוניטי, שטארקייט און א מאמענט זיך אויף זיך אפצורוען.״

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ׳פרייד צענטער פון דעם קאפיטאל ראיאן׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר נאטאניעל גרעי האט געזאגט,** ״צום באדויערן, זענען מיר אלע באקאנט געווארן מיט איינזאמקייט במשך די פארלאפענע צוויי יאר. די LGBTQ+ קאמיוניטי איז אלעמאל אויסגעשטאנען פראבלעמען פון איינזאמקייט און אויסמעקונג, א זאך וואס פירט אונז אפטמאל צו דערשלאגנקייט און באדרענגעניש. טאקע צוליב דעם מאכן פראגראמען ווי דער היינטיגער היסטארישער ׳פארשריט שטאלץ פאן הייבונג׳ אזא איינדרוק פאר די LGBTQ+ לייט פון דעם קאפיטאל ראיאן און סטעיט ניו יארק; ווען מיר זעען זיך אפגעשפיגלט אין די קולטור ארום אונז, דערמאנט עס אונז אז מיר זענען א טייל פון יעדע קאמיוניטי, איבעראל, יעדן טאג. דער פשוט׳ער שריט קען און וועט ראטעווען לעבנס. עס קומט זיך א דאנק פאר גאווערנער האוקול און ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא, פאר זייער לאנגיעריגע שטיצע פון דער LGBTQ+ קאמיוניטי; מיר קוקן ארויס מיט חשק צו שטיין אנגייענד אין פארבינדונג אויף זיכער צו מאכן אז דער קאפיטאל ראיאן, און דעם גאנצן סטעיט, זענען א זיכערע און באשטעטיגנדע סביבה פאר יעדן.״

׳פארשריט שטאלץ פענער׳ וועלן אויך געהויבן ווערן איבער די פאלגענדע סטעיט געביידעס:

- אדאם קלעיטאן פאוועל דזשר. סטעיט אפיס בילדינג אין הארלעם
- עלענאר רוזוועלט סטעיט אפיס בילדינג אין פאוקיפסי
- הודסאן וואלי טראנספארטאציע פארוואלטונג צענטער אין האוטארן
- פערי בי. דורייע סטעיט אפיס בילדינג אין האופאוזש

אין צוגאב וועלן עטליכע קאפיטאל ראיאן סטעיט מערקפונקטן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון ׳קאפיטאל ראיאן LGBTQ+ שטאלץ וויקענד׳ אום יוני 10 ביז יוני 13, אריינגערעכנט:

- די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט בילדונג געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- אלבאני אינטערנאציאנאלע עירפארט אריינגאנג

סטעיט מערקפונקטן וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון ׳LGBTQ+ שטאלץ מאנאט׳ אום יוני 23 ביז 30, אריינגערעכנט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו בריק
- קאסציאושקא בריק
- די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט בילדונג געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא פאָלס
- דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן בריק

- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע עירפארט אריינגאנג

אנדערע אקטיוויטעטן אין דעם קאפיטאל ראיאן רעכענען אריין א נייע פארשטעלונג אין דער גאווערנער׳ס אויפנאמס-צימער ביים ניו יארק סטעיט קאפיטאל, *׳מיט שטאלץ און זעלבסט-עהרע׳*, וועלכע הייבט ארויס דאס געראנגל פאר די רעכטן פון LGBTQ+ מיליטערישע דינסט מיטגלידער אין דער אמעריקאנער מיליטער און ווייזט ווי ניו יארק סטעיט שטיצט דעם קאמף קעגן דיסקרימינאציע. די פארשטעלונג געפונט זיך אויפ׳ן צווייטן שטאק פון דעם ניו יארק סטעיט קאפיטאל און וועט לויפן ביז ענדע יוני. מער אינפארמאציע איבער דער פארשטעלונג קען מען געפונען [דא.]

נאך אינפארמאציע איבער ניו יארק סטעיט׳ס ׳שטאלץ מאנאט׳ אפהיטונג, אריינגערעכנט די ׳שטאלץ מאנאט׳ פארשטעלונג אין דער סטעיט קאפיטאל געביידע, קען מען געפונען [דא].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]